ISBN: ISBN:0-657-14517-3
Barcode/EAN: 9780657145170

Old Call #: 6358

MORRIS BAER
MEMORIAL
LIBRARY

·YOUNG·MEN·AND·WOMEN'S·
·HEBREW·ASSOCIATION·
PITTSBURGH

K.

·THE·PAST·BUT·LIVES·IN·WORDS·
·A·THOUSAND·AGES·WERE·BLANK·
·IF·BOOKS·HAD·NOT·EVOK'D·THEIR·GHOSTS·

$1^{00}$

רחל ה. קאָרן

# ד אָ ר ף

RACHEL H. KORN

W I E Ś

Drukarnia „Grafia” Nowolipki 22

זעצער" ה׳ גרינבערג, װאַרשע, נאַװאָליפּיע 30

Wyd. B. Kleckina, Wilno 1928

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14517

# DORF

## Rachel H. Korn

*Permanent preservation of this book was made possible
by Caryn J. Clayman
In memory of Edith Stone*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רחל ה. קאָרן

# דאָרף

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/dorf00korn

דעם אָנדענק

פון מײַן יונג־געשטאָרבענעם טאַטן

א

ב׳
געדענק, ווי היינט:
עס האָבן גראָד געבליט אין סאָד די עפּלביימער,
מיט ראָזאַ־בלאַסע ליפּעלאַך פון בליטן
געקושט דעם האָניקשווערן טאָג
און ס׳זענען קליינע בלעטאַלעך געפאַלן
ווי שניי צעשמעקטער, פרילינגדיקער
אויף מיין פאָטערס מידן, קאַלטן שטערן.

און אַז כ׳בין דעמאָלט גראָד געלאָפן צווישן ביימער,
ווילד און גליקלעך מיט דעם פרילינג און מיט מיינע עלף יאָר
האָט מיין טאַטע אָפּגעווענדט דאָס פנים אָן אַ זייט —
נאָר כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געוויינט.

און אַז זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיטן ווייִן פון דעם
צעבליטן טאָג
און ליידיק פון דעם אויסגעקייכטן בלוט די לונג,
האָט ער געלאָזט פון דאָרף צוויי עדות רופן,
זיין שוואָגער און אַן אַלטן, גראָען גוי,
אָנגעגרייט צום שרייבן טינט, פּאַפּיר,
פאַרשלאָסן זיך מיט זיי אין אַ באַזונדער צימער
און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט, אַפילו נישט די מאַמען —
נאָר דעמאָלט האָב איך נישט געוווסט,
אַז ס׳האָט זיין שלאַנקע, יונגע האַנט
געשריבן די צוואה.

ס'האָט זיך צעצווייגט, צעבליט דער פרילינג אין מיין בלוט
מיט קאַרשבוימווייסקייט און בלאָעם באַרווינעק,
ווען ס'האָט אַ בלאָז געטון מיט מערבדיקן ווינד פון דער
דערמאַנונג
איבער די בייטן פון מיין וואַרטנדיקן גוף,
און ס'האָט אין פרוכפּערדיקער שוואַרצערד פון מיין בענקשאַפט
אַ שטילע שעה אַריינגעפלאַנצט דיין נאָמען.

כ'בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי ערד מיט פרילינגדיקן רעגן
און סיהענגט מיין בלאָנדסטער טאָג
ביים קלאַפנדיקן דופק פון דיין שטילסטן וואָרט
ווי די בין ביים צווייג פון בליענדיקע ליפּעס.

און כ'בין איבער דיר, ווי דער צוזאָג פון שפע
אין דער צייט,
ווען אין פעלד גלייכט זיך אויס דער ווייך מיטן קאָרן
און לייגט זיך מיט דער האָפענונג פון גרינקייט
איבער די אויסגעקערטע פּאָדלאָגעס פון שפּייכלערס.

פון מיינע שפּיצנפינגער טריפט געטריישאַפט אויף דיין מידן קאָפּ

און מיינע יאָרן,
פעלד, אויף וועלכן סיטרעטן דיינע פיס,
ווערן פעט און אָנגעשוואָלן
פון צער
ד י ך צו ליבן, געליבטער מאַן.

ב'שטיי אין דער מיטאָגצייט פון דיין לעבן,
אַ זאַנג אַ געבויגענע פון פולקייט אין מיטן פון פעלד.
וואָס האָט שוין אויסגעטון דאָס גרינע יוני־העמדל
און וואַקסט אַריין אין גילדנער זיכערקייט פון קומענדיקע טעג.

סישפילט די לופט מיט לילאַגלעקאַלעך אויף זייטע לאָנקעס,
דער זומער שמעקט מיט ביטער ריח פוןווילדן מאָן.
מיט פאַרענדיקער, הייסער ערד
און מיט דיינע האָר.

און ווען עס פלעכט זיך צו די בלאָנדע צעפ דער טאָג,
און דער אָוונט קלויבט די פערל פון דער ראָסע
פאַלט מיין ברוינער לייב צו דיינע פיס,
ווי די זאַנג, וואָס ברעכט זיך פאַרן שניטער.

ס׳בליען מיינע ליפּן מיט רעזעדאַ פון דיין נאָמען,
מיינע טרוימען הענגען איבער דיינע טעג, ווי טויבן,
דורך שטאַכיטן פון מיין וואַרטנדיקן גאָרטן
נייגן זיך צו דיר, פון שעהען צייטיק־שווערע טרויבן.

דורך די סקיבעס פון מיין לעבן פרילינגט זיך מיין בלוט,
ווערט די בענקשאַפט סערפּנצייטיק, קלאָר —
אפשר ווייסטו נישט ווי ס׳שמעקט דער זומער?
כיברענג אים דיר אין ריח פון מיינע האָר.

סיבליען מיינע ליפּן מיט רעזעדאַ פון דיין נאָמען,
מיינע פינגער חלומט זיך דיין גוף —
סיגייט מיין הארץ צו דיר דורך לאַנגע טרעפּ פון יאָרן,
שניידט די נעכט אויף העלפטן מיט זיין רוף.

מיין הארץ לויפט צו דיר,
ווי אַ קינד אין קליינע, נייע שטיוואַלעך
דאָס ערשטע מאָל אין שול
און ס'איילט זיך גיך און גיכער.

עס קאָן דאָך אויסרינען פון דער שעה דאָס בלוט,
ווי פונם האַלדז דער נישט דערקוילעטער טויב
און פאַרהאַלטן די שריט.
סיקען אַריבערלויפן דעם וועג
אַ מינוט,
ווי אַ האָז מיט אויפגעשטעלטע אויערן
און פאַרפאַלן —
עס וואָרט שוין דאָס אומגליק אונטער יעדן פלויט
און סיקען זיין צו שפעט.

לויפט מיין האַרץ צו דיר
און איילט זיך גיך און גיכער,
און קלאַפט אָן ביי דיין טיר מיט זיין שטיל־ליבסטן ציטער.
ביזטו דאָ אין דער היים?

ס׳גייט די בענקשאַפט מיטן סערפּ פון דער לבנה
איבער צייטיק־כוואַליעדיקע פעלדער פון מיין בלוט,
שטייען אָנגעשניטן אַכט־און־צוואָנציק סנאָפּעס פון די טעג
אונטער כמאַרעדיקן הימל פון מיין איינזאַמקייט.

קום און פיר זיי אין דעם שייער פון דיין ליבע,
ס׳הענגט דער שוואַרצער פליגל פון אַ רעגן איבער זייערע קעפּ
און עס פליען נידעריק די שוואַלבן פון די טרוימען
שטייען אָנגעשניטענע אַכט־און־צוואָנציק סנאָפּעס פון די טעג.

ס׳ליגט אַ דורכגעזעגטער אויף העלפטן צוויי
דער בוים פון מיין לעבן —
שמעקן די ברוינע רינגען פון די יאָרן
מיטן זאַפט פון פרישער וווּנד
און זיי קאָרטשען זיך צונויף פאַר דיר,
ווי די ערשטע קנייטשן אויף דעם פנים פון דער פרוי,
ווען ס׳יחשבונט זיי דער בליק פון דעם געליבטן מאַן:
— אָ, וויפל זיי זענען שוין אין צאָל —

קוק נישט,
איך לייג דיר אַרויף מיינע הענט אויף די אויגן.
מיר וועלן זיך שפּילן אין באַהאַלטערלעך —
אַנו טרעף!

ס׳מעסטן דורך סאַהאַראַס ווייס צעגליטע זאַמדן
איין און דרייסיק קעמלען שווער באַלאָדן
מיט דער משא פון מיין נישט געשטילטן בענקעניש,
מיט דעם אוצר פון געהייליקט האָפן.
לויפן זיי געשמיסן אין די זייטן
מיט הונדערט גליענדיקע גורל־בייטשן.

סישטרעבט אַנטקעגן זיי אין פוילער מידקייט
איר גליאיק ברוינעם לייב: סאַהאַראַ.
גרויסע אָדלערס פאָכען איבער איר מיט פליגלען פעכערס,
און די לייבן מיט די פלאַמען־גריוועס
ברומען איר אין שטערנגעכט אַ וויגליד
שטאָלץ און הייס, ווי זייער זאַמד־מלוכה.

גייען איין און דרייסיק קעמלען
צווישן ווייסע קאַראַוואַנעס
פון שקעלעטן אויסגעבלייכטע,
מיט דעם חותם פון פאַרניכטונג
אין די טרייע אויגן —
גייען איין און דרייסיק קעמלען
אין דעם מדבר לאַנד סאַהאַראַ
אָן אַ וויזער, אָן אַ פירער.

אויפגעבויט אַ הויז,
אַ גרויס,
אין מיטן האַרץ פון שטאָט.
גייען מענטשן איין און אויס
אינם גראָען הויז.
ברענגען מענטשן מיט אַ לאַכן,
צירן אויס דערמיט די ווענט.
ברענגען מענטשן מיט אַ סוד,
שטעלן אים אין טרעפּנווינקל,
שאַ...
ברענגען מענטשן מיט אַ וויי,
שפּרייטן אים אונטער די פיס,
ווי אַ רייכן פּערסער טעפּיך.
ברענגען מענטשן מיט שגעון,
טאַנצן זיי מיט אים אַרום,
איבער אַלע פּוסטע זאַלן,
איבער אַלע קאָרידאָרן,
היי,
און ס׳ווערט אין הויז אַ יום־טוב,
און ס׳קלינגט אַ גרויסע פרייד.

גייען מענטשן איין און אויס
אינם גראָען הויז.

די שפּיציקע הויקערס פון קינדערישע, שמאָלע פּלייצעס
שניידן זיך אַריין אין פרייד פון האָניקפּולע, זומערדיקע טעג,
ווי קרומע ווענט אין רואיק אָטעמדיקע גאַסן.

פול מיט וויסן פון טויט און אָנונג פון לעבן
שפּאַרט זיך אָן דער גרויסער קאָפּ אויפן דינעם שטענגעלע
פון האַלדז,
ווי גרין-געלער אַרבוז, וואָס הענגט איבער פּלויטן
און ווערט געבלייכט פון פריע, אומגעריכטע היצן.
און הענט, וואָס זענען ביינערדיק, ווי גראַבליעס
און פאַר דעם קליינעם גוף צו לאַנג
שלעפּן זיך נאָך פון ביידע זייטן,
ווי צוויי צעבראָכענע פליגלען פון אַ ווילדער גאַנז.

ביי יעדן שפּרונג און לאַך פון די געזונטע קינדער
באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון דעם קײַלעכדיקן שטערן
די גרויסע אויגן, ווי כוסהלעך מיט וויין און גיפט.

סיטוליעס זיך פאַרשעמט צו האַרטע אָנלענס
דער הויקער אָנגעשוואָלן פון די מענטשנס בליקן,
וואָס שלאָגן צו, ווי טשוועקעס צום צלם פון די גאָרטנבענק
דאָס קאַרלצוואַטע, קינדערישע לייב.

ס׳איז דורכגעשטאָכן מיט נאָדלען
דאָס האַרץ פון אַ יעדער שעה,
זי בלוטיקט מיטן טיפקאָליר פון רויטן זייד
אויף ווייסן, קילן לייוונטלייב.

און אויף דעם פרישן קבר פון אַ יעדן טאָג
וואַקסט אויס אַן אויסגעשטיקטע בלום.

פון צימערווינקלען קוקן
צעוואָרפענע אויף טישטעכלעך און קישנס רישעליע
קעפּ
מיט ליידיקע און וואַנזיניקע אויגן
אויף פלייצעס שמאָלע, טיף-געבויגענע פון יונגע פרויען.

און יונגע יאָרן ליגן מיט די פנימער באַהאַלטן
אין פעלד פון גילדנע זאַנגען אויף אַ סאַמעט דעק,
און טאָג און נאַכט,
נאַכט און טאָג
שטיקט די צייט
מיט בלאַפיאָלעטן אָדערנגעוועב,
אויף אויסגעבלייכטע, מידע פרויענהענט
די מוסטערן פון איינזאַמקייט און טרויער.

בויג דעם קאָפּ אָן צו מיין אַקסל
שוועסטער,
אָט איך פּיעשטשע
דיינע לאַנגע, שלאַנגען האָר,
און איך גלעט די באַקן בלאַסע,
די צעקנייטשטע
פון באַצאָלטע קושן,
דיינע אויגן פּיבערדיקע
פלאַמען אין די טיפע היילן,
ס׳איז דיין קאָפּ פאַר מידקייט שווער.

און פאַרנאַכטזונשטראַלן בלוטן,
און פאַרנאַכטזונשטראַלן וועבן
אַרום דיין געניגטן שטערן
שלייערן פון פאַרגעסנקייט.
טאָ פאַרגעס, אַז ס׳קומט דער אָוונט,
טאָ פאַרגעס אָן נאַכט און חושך,
טאָ פאַרגעס, אַז ס׳מוזן לאַכן
בלאַסע, אָנגעמאָלטע ליפּן
מיטן הויכן זונה־קלאַנג.

ס׳איז דערווייל דאָ גוט צו רוען
און די שלאַנקע הענט פאַרוויגן
אין דער יתומדיקער שויס.

דער פֿאַרטרוקנטער פֿון תּאווה
אין די לאַנגע נעכט.
לוישן אין דער טיפֿסטער טיפֿקייט,
ווי עס בעטן זיך נשמות
נישט געבוירענע צום ליכט
און, ווי סיבענקט דער גאַנצער נפֿש
נאָך אַן ערשטן שריי פֿון קינד.

אָבער סירינען אויס די שעהן,
ווי דאָס בלוט פֿון אָפֿענע ווונדן,
שעהן וויקלען אָפּ פֿון לעבן
הפֿקרדיקע גורל־פּעדים.
נאַכט איז, נאַכט שוין
שוועסטער מײַנע. —
הער,
פֿון חורבֿות רופֿט די סאָווע.

האָסט פֿאַרוויילט זיך אין חלומות,
נישט געשיט נאָך אויף די באַקן
פּורפּורדרויטן אַש פֿון שאַנד,
נישט געקעמט און נישט געפֿלאָכטן
דײַנע לאַנגע, שלאַנגען האָר.

אונזערע קליינע קינדער טאַפּן אין דער פינצטער מיט די הענטלעך,
זוכן מיטן מויל.
אונזערע קינדער ווילן גאָרנישט וויסן,
אַז אונזערע גופים ליגן אויסגעשטרעקטע, ווי אין פיבער הייסע,
אַז די צעוואָרפענע, נאַכטצעשמעקטע האָר אַרום אונזערע קעפּ
וויקלען זיך ווי די הונגעריקע שלאַנגען אַרום זייער קרבן
און סיוואַרפן זיך די קעפּ און שרייען אָן אַ קול
אין טיפער, הייסער נאַכט:
— קום שטאַרקער מאַן, קום און דערלייז—

סישלאָגט דער האַמער בלוט אין אויסגעשטרעקטן קרייץ פון לייב
די שאַרפע טשוועקעס פון די יאָרן:
צוואָנציק,
זעקס און צוואָנציק,
דרייסיק.
דורך אַ יעדן אבר דורך,
דורך דער מיט פון יעדן ציטערדיקן ברעקל פון אונזער פלייש.
און אין בעט אַקעגנאיבער
כראָפּען מענער מיט אָפענע מיילער,
אָפּגעהאָרעוועט פון שווערע טאָגעגג נאָך פרנסה.
סיקאָרטשען זיך זייערע הענט אין מידן שלאָף,
ווי די סענקאַטע קלעצער.

זינגען אונזערע דאָרשטיקע אויגן ביינאַכט

דאָס ליד צו די הענט פון אונזערע מענער:
אָ שוואַרצע, האָרעפּאַשנע הענט
קומט,
וויקלט אייך אין ווייכן פלאַקס פון די צעשמעקטע האָר,
הענט פון אונזערע מענער.

און אונזערע קינדער ווילן גאָרנישט וויסן,
אַז מיר זענען צוואָנציק, זעקס-און-צוואָנציק, דרייסיק-יעריקע,
נאָר ווינען אַזוי אומעטיק און הויך און אָן אַ סוף
אין די ערשטע נעכט פון קינדערישן צער
און צערזעגן אונזרע יונגע נעכט אויף שטיקער בלוטיקע
און פרעמדע.
זייערע הענטלעך טאַפּן אין דער פינצטער
און די הונגעריקע מײַלעכלעך זוכן נאָנטע וואַרעמקייט ביי אונז.
און אונזערע אייגענע ליפּן זענען הייס און דורשטיק
בויגן אָן דעם קרוג פון נאַכט
און טרינקען פון אים די קינדערישע טרערן
און דעם שוויס פון שוואַרצע, מידע מענערישע הענט.
ס׳שלאָגט דער האַמער בלוט אין דעם צעשטערטן קרייז פון לייב
די יאָרן, ווי שפּיציק-שאַרפע טשוועקעס.

ס'ווײַנט אַרײַן אין דער נאַכט פון איר פערציקסטן יאָר
דער אײנזאַמער שריט פון דער פרוי.

מיט דעם דינעם פאָדעם פון ערשטער גראָער האָר
איז אַרומגעוויקלט דער האַלדז פון דער האָפנונג.

אַז די טיף אין זיך אַרײַנגעדרייטע אויגן,
ווי אַן אַרײַנגעדרייטער קנויט פון זיך לעשנדיקן לאָמפּ
שרויפן זיך אַרײַן אין דעם פאָרויס,
פאַלט אויף זיי אַרויף די שווערע, שוואַרצע פלאַכטע
פון דער שרעק.

ווי טאָפּאָלעס ביים וועג, וואָס רוקן זיך פון גיכע שריט אויף הינטן
בלײַבן די קינדער אירע,
וועלכע זענען שוין פון לאַנג אַנטוויינט פון מוטערס וויאַנענדיקן
לייב,
און דער, וואָס זי קושט זײַן שוועל מיט באָרוויסע פיס,
איצט ביים שיידוועג פון די יאָרן,
בלײַבט שטיין,
ווי אַ ליכט אַ קאַלטע און אַ שטאָלצע
פון פרילינגאָנגעצונדענעם קאַשטאַנבוים.

ס'איז דער גוף, דער צוגעוויינטער אַנדערע צו דינען
געוואָרן פלוצים, ווי אַ פרעמדע זאַך

פון עמיצן בלויז צופעליק פאַרגעסן.
לייגט מען זי אַזוי פון איין ווינקל אין צווייטן
און סיזועט זי מער נישט קומען קיינמאָל מאַנען
דער בעל־הבית.

דאָס זשומענדיקע סאַמאָוואַרנליד אין שטילן בין-השמשות —
אויף ראָזאַ-בלאַסן פאָרצעלאַן דער אויסגעמאָלטער חלום פון
אַן אויסגעבענקטן לאַנד:
טיף בלאָע פייגל אויף אַ בליענדיקן קאַרשבוימצווייג,
אַ קליין קאָקעטיש קעפל פון אַ געישאַ,
מיט פערלמוטערשטערן דורכגעשפּיזט די טונקלע נאַכט פון האָר.

די וואַרעמקייט איז ווי דאָס לאַשטשען פון אַ ווייסער קאַץ
אַרום דעם האַלדז, דעם פּנים און די הענט.
די שטילקייט טרוימט איר טרויעריקע מעשה:
— אַמאָל איז געווען אַ מלך...

און צוויי פּאָר אויגן מעסטן אויס די לענג פון פּעקציק פרילינגס
מיט קורצע, שאַרפע ווירעס פון די קנייטשן
און בלייבן נעכטיקן ביי ווינטערדיקע שוועלן פון די ליפּן,
ווי נע-ונדניקעס, וואָס זענען מיד פון גיין.
און צוויי פּאָר הענט,
וואָס קענען גאָרנישט געבן און ווילן גאָרנישט נעמען,
שטרעקן זיך אויס פאַרשעמטע, ליידיקע
און טראָגן צו די אָפּגענאַרטע, שמייכלענדיקע ליפּן
דעם זומערדיקן אַראָמאַט פון ווייטן מזרח.

די אָפּגעלעבטע יאָרן, ווי אַ בינטל שמאַטעס
ליגט זי אונטער דעם קאָפּ אַ קושן
אויף דעם האַרטן טאַפּטשאַן אין דער שמאָלער קיך
און לאָזט דאָס אייגענע בעט,
דאָס בעט,
אויף וועלכן זי האָט נישט לאַנג געבוירן אירע קינדער
דעם יונגן ווייב פון יונגסטן זון,
נישט זאָגנדיק קיין וואָרט,
גלייך דאָס וואָלט שוין פון לאַנג געווען אָפּגערעדט אַזוי.

די הענט ווי אויסגעדרייטע, אָפּגעשיילטע צווייגן פון אַ בוים,
האַרט, ווי ריבאייזנס פון גראָבער אַרבעט,
אַנטלויפן פון דעם אייגענעם לייב אין שווערער איינזאַמקייט
פון נאַכט,
ווי אָפּגעבריט מיט קראָפּיווע פון דאַרער אַלטקייט
און בלייבן הענגען אויף דעם ראַנד פון טאַפּטשאַן-ברעט.

איבער די אָפּענע, שמאָלע קברים פון די קנייטשן,
וואָס ציען זיך לענג-אויס, ברייט-איין פון לייב,
ווי ראָוועס אויסגעגראָבענע אין נאַסן פעלד,
שפּרינגט די שלאָפלאָזיקייט, ווי אַ פאַרשייטע מויז
און ווייזט אַ רויטע צונג דעם ווייכן, גוטן שלאָף.

די טויבע אויערן זויגן זיך אריין, ווי פּיאווקעס
אין הייסן, אָנגעשוואָלענעם לייב פון נאַכט,
ביז וואַנען זיי דערהערן נישט פון יענער זייט טיר
דאָס תּאווהדיקע קרעכצן פונם בעט
אויף וועלכן זי האָט ערשט נישט לאַנג געבוירן אירע קינדער.

ב

אַ באַטעס קליינע אויסגעזעצטע אָרום ברעגעס פון דער ריקע,
סיטרעט אָפּ דער געלער וועג ביי אייך בלויז אויף אַ ווײַלע,
גיט אַ קוק אַרונטער אונטער היטלעך שטרויענע פון דעכער
און פּאַליעוועט זיך צו דער הונגעריקער שטאָט צו
מיט רוקן און מיט בויך
אַראָפּ,
אַרויף,
ווי סיקריכן וועסנעצייט אויף ביימער גאָנסיעניצעס.

עס קומען אים אַקעגן קליינע פּאַרשטאָט־הײַזלעך,
ווי בייכיק־נידעריקע זיצערקעס פון מאַרק
און ליידיקן אויס די פּויערישע קויבערס פון פּוטער און אייער
סיצעשפּילן זיך די וואָגן אויף די ברוינע טישן
מיט קנאה און מיט פרייד פון אַ פאַרדינטן גראָשן
און זייערע צינגלעך שפּרינגען איינס צום צווייטן
ווי קאַמפּצעהיצטע, בלוטצעפלאַמטע הענער.

עס קלינגען קענדאַלעך אויף דאַרע וועגאַלעך פון מילעכיקערס,
ווען סיגיט אַ טרייסל מיט די פּליסיקע געדערים אומגערעכט אַ גרודע
און פּייכטע בלישטשען זיי אין שיין פון יונגען טאָג,
ווי די רעטאָרטעס מיט אַ היילנדיקן סערום.

און סיוועדט דער וועג דערשטיקט
אין שטיינערנע אַבראַזשעס פון ענגע, בלינדע געסלעך.

ס׳קומט דער שבת אין מיין הײמדאָרף פֿרעמד און נישט געבעטן,
עס גייט אים בלויז אַקעגן דער ריח פֿון פֿרישגעבאַקן קאָרן ברויט,
און דאָס טאָרקען פֿון דער מאַגלאָוויצע אין דער גויעס הענט,
ביים צוגרייטן אַ לניאַנע העמד אויף זונטיק.
ס׳זינגען גראָע סקאָווראָנקעס פֿון שטיינער
איבער שאַרפֿע, אויסגעשפּיצטע שנאָבלען פֿון די קאָסעס
דאָס ליד פֿון זעקסטן אַרבעטסטאָג.

אַנטלויפֿט דער רוטאָג אַ פֿאַרשעמטער,
טוליעט זיך אין פֿאַלבן פֿרומקייט פֿון מיין מאַמען —
צוימט אים אָפּ ביי זיך אַ שטיקל פֿלאַך די מאַמע,
ווי ווייט עס גרייכט איר דאַווענדיקער ניגון:
פֿון פֿענצטער ביז צום עק פֿון סטאָדעלע
און פֿון דער טיר צום אַלטן אַפּלבוים אין סאָד.

ליגט ער, ווי אַ קליינע קורעפּאַטווע אין דער בריזדע
און וואַרט ביז ס׳וועט זיך דורכשניידן דורך לאַנגע, פֿוילע שעהן
דער סערפּ פֿון ערב־זונטיקדיקער פֿרייד.

ס׳באהאלט דער סאָד דעם טיפן סוד פון נאַכט
אין שאָטנליילעכער פון ערשטער מאָרגנגראָקייט,
ווי ס׳יואָלט אַ מאַמע דריקן צו דער ברוסט דאָס גוססדיקע קינד
און זיך ביים טויט געבעטן:
„— נאָך צוויי מינוט, נאָך איין מינוט — אַ רגע...“
עס שפרינגען שוין די ערשטע, רויזנרויטע שטראַלן זון,
ווי וועווערקעס פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג,
אַלץ נידעריקער צו דער ערד אַלץ נידעריקער
און טרינקען צו דער זעט איר קילן טוי.

די גראָע פעדערפעכערס רויך אויף דעכער שטרויענע פון כאַטעס
גיבן שוין צו וויסן דעם בלאָען, פרילינגדיקן הימל,
אַז ס׳האָט די צייט פאַראַקערט נאָך איין נאַכט
און גייט אַרויס אַנטקייגן זון מיט אירע אַקעראייזנס,
אויף ברייטע פעלדער פון דעם נייעם טאָג.

ס׳באַווייזט זיך ערגעץ אויף אַ שוועל אַ יונגע שיקסע,
שטרעקט אויס אַנטקעגן טאָג איר נאַכטיש אויסגעוואַרעמט לייב
און קוקט זיך אום צי ס׳קומט נישט אָן מיט זיינע גניאַדע פערד
דעם שכנס זון —
טוט אָן אויף אירע ווייכע אָרעמס האַרטע קאָראָמעסלעס
און גייט דעם ערשטן, פרומען גאַנג צום ברונעם.
די קאַנען טאַנצן, הוידען זיך פוןביידע זייטן
צום טאַקט פון אירע זינגענדיקע שריט

און לאַשטשען זיך דורך דינעם לייוונטקליידל צו די פיס
און אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף לאַנגער ריט אין ברונעם
און שעפּן דורשטיק מיט די נאַכטפאַרשמאַכטע מיילער
פון מאַכבאַוואַקסענעם דנאָ דעם קילן מאָרגנטראַנק,
לאַכט וועד׳ס פון טיפעניש צו זיי מיט אַ פאַרשטיקטן קול:
„בול, בול"
און רוימט זיי סודות איין,
פון וועלכע ס׳טרוימען שוין אַ גאַנצן טאָג די קאַנען
אין זייער שפּינוועבאויסגעבעטן ווינקל ביי דער טיר.

ווי די פאַרזעסענע מיידלעך שטייען איבערצייטיק־פולע לאָנעס
און וואַרטן אויף די זינגענדיקע מחותנים,
וואָס זענען אַלץ נאָך נישט געקומען,
אויפגעהאַלטן מיט די שלאַבאַנעס פון כמאַרנע רעגנטעג.

קוקן פעלדער מיט פאַרשעמטע קאָנקאָלאויגן אינם זומערדיקן הימל,
וואָס האָט זיך אָנגעטון אויפן בלאָען, יונגעו קאָפּ
אַ גראָע עלטערבאָבעקופּקע
און האַלט די זון אונטער דעםברייטן פאַרטעך פון די כמאַרעס,

אין קאַמער הענגען קאָסעס בלישטשענדיק און גרייט
און סערפּן שאַרפן אָן די קליינע מייזן־צײנדלעך
מיט דער בענקשאַפט צו דער ערשטער זשמעניע תבואה —

גייט אַ יעדן טאָג אין פעלד דער באַלעבאָס,
פּרווט מיט ציין די האַרטקייט פון די יונגע קערנער,
לאָזט די אויגן אויף דער פּאַשע אין דער מזרח־זייט פון הימל
נאָך אַ ביסל זון.
און די קינדער, וואָס פילן שוין דעם טעם טעם פון ביטער, טוכלע ברויט,
לויפן נאָך דעם טאַטן מיט די שעפּסאַלעך פון אויגן
און פרעגן שטיל, פערדאגהט:
„נאָך אַלץ נישטאָ?"
„נ י ש ט אָ !"

די פרישע, שוואַרצע סקיבעס ערד
ליגן הכנעהדיק און מיד אַנטקעגן אָסיענדיקער זון,
ווי די געווינערינס אין זייער ערשטער קימפעט,
וואָס שמייכלען שטיל אָפּער פון זייער ווייטיק
און זענען גרייט שוין נאָך אַמאָל צו ווערן מאַמעס.

עס זענען זיך צונויפגעקומען וואַנעס צו דער שמחה.
שפּאַצירן מיט געציילטע, טענצלדיקע שריט,
זוכן מיט שוואַרצע, קלוגע אויגן אויסגעגראָבענע ווערים
און שאָקלען מיט די קעפּ, ווי אַלטע מאַמעס
בשעתן קייען שטיקלעך לעקעך מיט די בלאָע יאַסלעס:
„נישקשה, ס׳איז דער ווייטיק, ווי די ווייסע ראָסע
און באַלד וועסטו דערלעבן נחת, באַלד
נאָך איידער ס׳וועלן שוואַלבן מיט די שאַרפע עקן
אָפּשערן די ערשטע וואָל פון פרילינגדיקן הימל״.

דער ווינטער האָט געגעבן שלום מיט זיין האַנט דער ערד,
געקומען, דאַכט זיך, אויף אַ קורצע צייט צו גאַסט,
געקאָרטשעט אין די רוּעס זיינע ברייט-צעוואַקסענע גלידער,
גענעכטיקט אין פאַרבאָרגענע, טיפע טאָלן,
זיך עפּעס ווי געשעמט מיט זיינע גראָבע שטיוול
פאַר קרענקלעך-בלאַסן, וויסנדיקן שמייכל פון דער זון.

נאָר אַז די זון האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַ שווערער כמאַרע
און מער נישט נאָכגעקוקט אויף שריט און טריט,
איז ער געוואָרן שוין אַ גאַנצער באַלעבאָס:
געברענגט זיין בעטגעוואַנט פון ווייסן, ווייכן פּאָך,
געדעקט מיט קלאָרע טישטעכער די פעלדער
און אויסגעקוקט אַ יעדן טאָג די געסט,
וואָס זענען פון דער צפון-זייט געגאַנגען און געגאַנגען.

דערווייל האָט ער זיך רייטנדיק אַרויפגעזעצט אַ פויער אויף דער פלייצע,
געלאָזט פון אים זיך טראָגן אין דעם נאָענטן וואַלד
און אים געהאָלפן גנבענען דאָס האָלץ.
נאָר דאַן דעם קעלטפאַרשטאַרטן פויער אין די ציין געבלאָזן,
אַזוי רחמנותדיק זיך צוגעבויגן צו זיין פאַזוכע, דער דאַרער,
ביז ס'איז דאָס פויערל קוים לעבעדיק פון אים אַנטלאָפן.

אַ ביסל שפּעטער מיט דער נאַכט צוגלייך באַגלייט אַ ייִד,
וואָס גייט מיט קויבערס און מיט זעקלעך
איבער די טרויעריקע, שנייפּאַרזייעטע דערפער,
עקשנותדיק אַריינגעקוקט אין יידס פאַרטרערטע אויגן
אונטער דעם גרויסן, שוואַרצן פוטערהיטל,
און דווקא אין דעם דאָרפסגייער געוואָלט דערקענען אליהו-הנביאן.

און קיינער ווייסט נישט, ווי אַהינגעקומען איז דער לייווע,
דער משוגענער.
וואָס האָט געבינען אין אַ שלייף די וועגן
פון יאַווערעוו ביז מאָשציסק,
פון סאַמבער ביז קיין גריידינג,
טראָגנדיק אין בוזעם־קעשענע די בריוו
צו זיין פעטערס יונגסטער טאָכטער ריווטשע.

עס האָבן אים געקענט שוין אַלע הייזער אין די דערפער,
ס׳האָט דער גראָער וועג זיין לאַנגן, אויסגעשפּיצטן שאָטן
אויפגענומען,
ווי אַ פערד זיין אַלטן רייטער,
און ס׳זענען שטיל די הינט געלעגן אין די בודעס,
ווען ס׳האָט דער גוט באַקאַנטער ריח פון לייוועס שוואַרצער
בעקעשע
גערעדט צו זייער הינטיש האַרץ.
עס האָבן זיך געפריים מיט אים די גויעס אינם פעלד,
איינגעבראָכענע, ווי סנאָפּעס אין דער מיטן,
און מיט אַ לאַכן, וואָס שמעקט מיט גוטסקייט, ווי ראַזאָווע
ברויט
האָבן זיי געפרעגט ביי אים:
— לייווע, דו האָסט דאָך נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען,
פאַרוואָסזשע נעמסטו נישט קיין ווייב, ווי אַלע „דיינע“,

זי זאָל דיר אויסוואַשן אַ העמד און אָפּקאָכן אַ לעפל
וואַרעמס? —

סיקוקט לייווע אויף דער גויעס רויע, אויפגעשפּרונגענע פּיס
און אַקערט דורך דאָס ברוינע פעלד פון אָפּגעבערענטן שטערן
מיטן ווייטיק פון אַ שאַרפן און נאָענטן געדאַנק:

— ווייל ס׳האָט מיין פעטער נישט געוואָלט מיר געבן
זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב,
גיי איך אַרום און טראָג מיין האַרץ מיט זיך,
ווי אַ קאַץ אַן איינגעבינענע אין זאַק
און וויל עס ערגעץ איבערלאָזן
עס זאָל נישט טרעפן מער דעם וועג צו מיר —

און נעמט אַרויס פון בוזעמקעשענע אַ קויטיק שטיק פּאַפּיר
און לייענט דער גויע אויף אַ קול אַ דייטשן בריוו:
„אַן ליבכען!" — —
און אין דעם טונקלען מאַך אַרום די ליפּן זיינע
בליט אויף אַ רויטע יאַגדע פון אַ משוגען שמייכעלע.

און נאָך איינעם, אַזאַ לאַנגן, שווערן ווינטער האָבן אויסגעקוקט
אויף אים אומזיסט
די קליינע, קאַפּרעוואַטע אייגעלעך פון שויבן,
און ס׳האָבן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד די הינט
ניאָכנדיק צו אַלע שליאַדעס אויפן וועג —
טאָמער איז ער דאָרט אַרום געגאַנגען.

נאָר קיינער ווייסט ביז היינט נישט, ווו ס'איז אַהינגעקומען
לייווע דער משוגענער —
אפשר האָבן אים אין וואַלד די הונגעריקע וועלף צעריסן,
און אפשר האָט די מאַמע, וואָס האָט זיך אויפגעהאָנגען
יונגערהייט
זיך פאַרבענקט נאָך אים,
האָט זי דעם זון פון טונקלעם בוידעם אויף דער אַלטער שטוב
דערלאַנגט איר איידל־שמאָלע, ווייסע האַנט.

ווען דאַוונט דעם מעשטיינס געזאָגט דער דאָרפסמאַן, ווי אַ ייִדן
עס גייען אויף דער פּאַשע פון די האַלבצעפליקטע, אַלטע סידורלעך
מחשבות, ווי די הונגעריקע קי
און צעקייען יעדעס אות אויף סיעטשקע.
אַט זיצן אין דער היים צווי כלה־מיידלעך אָן אַ נדן
און יינגלעך מוז מען לאָזן לערנען נאָך אַ זמן, אַ צוויי,
זיי זאָלן כאָטשע קענען קדיש זאָגן נאָכן טאַטן —
און שאַיע האָט באַקומען נישענק און די טראַפּיק
בלויז פאַר פינעף פינגער אָפּגעשאָסענע אין קריג.

וויקלען איין רציעות מעכלס הענט, ווי לייצן,
שפּאַנען אים אין וואָגן פון אָן אַרבעטסטאָג, אַ שווערן
און ווען די אויסגעצוואָגענע, זיידנווייכע בערד אין שטאָט
טראָגן אין דער קלויז די וואַרעמקייט פון בעט
און דעם פרישן ריח פון אַ ווייס געבעקס,
האַנדלט מעכל שוין אין דריטן, פערטן דאָרף.

און שבת, אַז מען קומט צום מנין אין דער קרעטשמע,
די תּפילה־ווערטער קלאַפּן אין די זונצעהיצטע שייבן
צוגלייך מיט זשומענדיקע, בלאָע, פעטע פליגן,
קומט דעמאָלט שאַיען אויס צו רעדן וועגן זיינע סעדער
און סיבאַרימט זיך זישע סמערט מיט די שידוכים פאַר זיין טאָכטער באַלטשע —

און חיים גוי זאָגט הויך, אַז יעדער זאָל אים הערן:
„זינט ס׳האָט מיט מעכלען אויפגעהערט מיין שותּפות
קויף איך יעדעס שטיק בהמה מיט אַ צענער ריוח“.

פּאַלט צווישן זיי דער האַרטער קלאַפּ פון מעכלס האַנט:
„שטיל זאָל זיין, עס קען אַ ייד נישט דאַווענען כאָטש איין מאָל
אין דער וואָרן“
לויפט אַרום דאָס לאַכן פון איינעם צום צווייטן,
ווי אַ האָן אַרויסגעלאָזט פון שטייג,
און שאַיעס יינגען סודען זיך מכּלומרשט,
נאָר מעכלען גיט אַ יעדער וואָרט אַ שטאָך, ווי מיט אַ נאָל:
„זע נאָר, ווי ער בילט אַריין אין טלית, ווי אַ הונט אַן אַלטער
אין זיין בודע —
נישט. אַזוי האָט מעכל מיט אַ פינגער יאָר צוריק געזעדט,
ווען ס׳האָט דאָס כוח געשפילט מיט בלוט אויף זיינע באַקן
און ווען ער האָט פאַר ס׳מינדסטע וואָרט, וואָס האָט אים נישט
געפּאַסט
אויסגעריסן בערד און אויסגעהאַקט די ציין
און דווקא דאָ ביים דאַווענען און גראַד אין סאַמע שבת“.

װינט ער האָט פֿאַרקױפֿט די אַלטע, ליסע מיט דעם אײנעם האָרן
און דאָס געלט איז זיך צעקראָכן אין די הענט, װי שפּינװעבס,
איז שױן דער פּלאַץ אין שטעלעכל געבליבן לײדיק,
װי דאָס לאָך אין יאַסלע נאָך אַ צאָן
און די קײט בײם זשלױב פֿאַרזשאַװערט — געל און קאַלט
און בערלס קינדער האָבן שױן דעם גאַנצן װינטער
אין שטוב קײן לעפֿל מילעך נישט געזען.

און װען ס׳מעלקט די שכנטע איר קו
שטעלן בערלס קינדער זי אַרום, װי הינדעלעך אַ קװאָקע,
שפּילט אױף סטרונעס װאַרעמע און װײסע
דער בליק פֿון צען פּאָר זשעדנע אױגן.

ס׳גײט בערל יעדן מאָנטיק אױפֿן מאַרק אין שטאָט,
דינגט, באַטאַפּט און צײלט פֿון צײן אַראָפּ די יאָרן פֿון די קי,
נאָר תּמיד, אַז עס קומט צום צאָלן קױפֿט זי אױס אַ פֿרעמדער
און בערל טראָגט פֿון מאַרק אַהײם:
אַ באַנקע נאָפּט, אַ קילע גרױפּן און אַ טױפּן זאַלץ.

ס׳איז געוואָרן פּלוצים פול די שטוב
מיט שניי, וואָס קאַפּעט פון דער באָרד און וואָנסע,
מיט שטיוול, וואָס סקריפּען אויס די האַרטע ר־ר־ריישס פון פראָסט
און מיט דער שטילער דאגה צוגעטשאַיעט אונטער ברעמען.
ס׳האָט צוגערוקט דאָס ווייב צום טיש די שיסל
און ס׳האָט איר בליק געחשבונט מענדלס קנייטשן
געוואָלט דערגיין פון זייער צאָל
זויפל גילדנס וועלן וואַרעמען די וואָך מיט האָלץ און ברויט,
נאָר אירע ליפּן האָבן בלויז פאַרשעמט געבעטן:
„עס מיין מאַן, אַוועקגעגאַנגען ניכטער פון דער היים“.

דער אויוון האָט אַפּערגערוקט זיין ברייטע, טרייע פּלייצע,
געמרוטשעט מיט זיין וואַרעמקייט צו מענדלען, ווי אַ פוילע קאַץ,
נאָר היינט האָט מענדל נישט אַרויפגעלייגט אויף אים דאָס
בינטל דורכגעפרוירענע ביינער
און נישט געגעבן נאָכצוציילן ס׳קניפּיקל דעם ווייב,
עס האָבן בלויז געטון אַ גראַגער בייזע, הייזעריקע ווערטער:
„געווען אַ מאַרקטאָג היינט, אויף אַלע שונאים“.
און ס׳האָט אַ שטאָך געטון די נאָל פון בליק די טאָכטער.
האָט זי אַראָפגעשטעלט פון קני די רעשעטע מיט פעדערן
געפּליקטע
און אירע אויגן האָבן זיך אַ שטעל געטון אַנטקעגן פאָטער,
ווי צוויי יונגע הענער:
„זאָג טאַטע, וווּשע האָסטו הינגעטון מיין שאַיען?“

גיט אַ פּלאַם דעם פּאַטערס פּנים מיט צאָרן און בושה:
„ערגעץ איז ער דאָרט געבליבן אויפן וועג, דיין מאַן
זאָל ער זען, אַז כ׳האָב נאָך כּח אין מיינע אַלטע ביינער,
און כ׳על מיר נישט לאָזן צונעמען פון אים דאָס שטיקל ברויט".
און פון זיינע ווערטער ווערט נאָך קלענער ס׳דאַרע, קליינע ווייב:
„כ׳האָב נישט געזאָגט, אַז ליבערשט זאָל דאָס מיידל זיצן ביזן
גראָען צאָפּ?
ער האָט מיר דאָך ביים פּריץ אויסגעקויפט דאָס קעלבל"

ס׳איז דער טאַטע אומגעקומען ערגעצוו אין קריג
און פון דער מאַמען מיט דער קרומער פּלייצע
האָט מען אויך אַ מאָס גענומען פאַר די טרומנעברעטער
(לייכטע, סענקעוואַטע סאָסנעברעטער, די ביליקסטע פון סקלאַד)
און מיכאַסיע מיט זאַכאַרקען האָבן ניאָכענדיק די דומפּיקע און
אויסגעקראַצטע טעפּ
דערפילט מיט איין מאָל, פּלוצים
אַז ס׳איז די אַש אונטער דער קיך שוין קאַלט און פרעמד געוואָרן,
ווי דער מאַמעס הענט.

האָט דער עלטערער צעריסן סילעצטע, זגרעבנע העמד
און אויפגענייט צוויי קליינע, שמאָלע זעקלעך,
וואָס האָבן זיך געטוליעט צו די קינדערישע פּלייצעס,
ווי חשוונדיקער אומעט צו די שטרויענע זאַגאַטעס.

שטייען כאַטעס שנייבאַברעמטע, מיט פאַרמאַכטע טירן
ווי די קוואָקעט מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל,
און היטן געלץ, פּוכקע וואַרעמקייט פאַר דעם בייזן יאַסטרוב
ווינט.
נעמען אָן די קליאַמקע קליינע פינגערלעך פאַרשטאַרטע,
און לאָזן אַריין אין שטיבער רואיקע און זאַטע
דעם הינטיש נע-ונדן אָטעם פונם פראָסט.
לויפן אום די מייזעלעך פון בעטלערישע ווערטער
אין אַלע ווינקלען פון דער זאַטער שטוב

און גריזשען מיטלײד אין די פרעמדע הערצער:
„אין שטוב קײן בולבע נישט געווען און נישט קײן שטיקל ברויט".
דרײט די גויע אין די הענט דאָס גרויסע ראָד פון פרישגעבאַקן ברויט
און דאָס מעסער לאַכט אַרײן מיט װײסן בליץ פון גרײטקײט
אינם שוואַרצן לײב.
און ס׳קוקן נײגעריק די קינדער פונם אויוון
אויף די לעבער אין מיכאַסיעס העמד
און פלוצים דאַכט זיך זײ,
אַז ס׳שטײט אונטער די פענצטער ז׳, די גראָע פאַניע,
וואָס גײט אַרום אין שטיבער צווישן טאָג און נאַכט
און פאַרבײט די קלײנע קינדער אויף „װידמינעס",
װערן זײ מיט העמטלעך און מיט פיסלעך
צוגעוואַקסן צו דעם גרויסן אויוון
און ס׳צעוויינט זיך סײַנגסטע אויף אַ קול:
„מאַמוניאַ".

עס גיט אַ קרעכץ די טיר,
ווי אַן אַלטע בעטלערקע,
וואָס וועבט פון קרעכצן גאַנצע פאַסמעס יאָרן
און צווײ פאָר פיס פאַרבלאָטיקטע, פאַרבלוטע,
פאַרלירן שוואַרצע פאַציערקעס פון שליאַדעס
אין ערשטן, װײסן שנײ.

קיינער האָט זי נישט געלערנט איר מלאכה, די אַלטע האַנקע—
ווען ס׳האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון שנירל צייט
דער לעצטער טאָג,
האָט זי אירע אייגענע קינדער אָן אַ הילף געבוירן
און מיט די ציין אַליין אַדורכגעביסן דעם שטריק פון אָדערן
און בלוט,
ווייל זי האָט דער „באַבקע" נישט געקענט באַצאָלן
מיט אַ פאַדעלעק פול האַרטער תבואה און מיט אַ פערטל
בולבעס.

און אפשר האָט דער מעסערשניידנדיקער שמאַרץ,
פון וועלכן ס׳איז איר לייב צעדרייט געוואָרן,
ווי די ווערבע פון אַ שטורמווינט, אָן אומגעריכטן,
צעפלאָכטן די האַרטע בייטשן פון אירע אָפּגעאַרבעטע שוואַרצע
פינגער
און זיי ווייך געמאַכט און מוטערלעך פאַר פרעמדן ווייטיק.

פון דעמאָלט אָן, אַז זי איז געגאַנגען מיטן סערפּ אין פעלד
איז זי געקומען רופן אַ פאַרסאַפּעט, קליינטשיק שייגעצל:
„קומט גיכער האַנקע, גיכער, ס׳דאַרף אייך עפּעס נייטיק די
מאַמוניע".
האָט זי אַ טאַפּ געטון, צי ס׳הענגט איר שער ביים גאַרטל אויפן
שטריקל

און ס׳איז איר סנאָפּ געבליבן שטיין צעפּלאָשעט, נישט דערבונדן,
מיט זאַנגען אין דער הייך, ווי אויפגעשטעלטע האָר פון ווילדן
שרעק.

ס׳האָט זי אין חשוונדיקע, שוואַרצע נעכט
געפירט דאָס אויג פון אַ לאָמטערן אין אַ מאַנסבילישער האַנט
צו דער אָפענער כאַטע, וואָס האָט געוואַכט מיט פענצטער
און מיט טיר
און ווו ס׳האָט דער מאַמעס הייזעריק געשריי
צוגעדעקט דערשראָקענע און אָפענע אויגן פון די קינדער,
ווי אַ פלאַכטע בלוט.

און ווען ס׳האָבן די נעגל פון איינער, וואָס געבוירט צום ערשטן מאָל
זיך אַריינגעגראָבן אין האַנקעס אויסגעדאַרטן לייב מיט חיהש־
ווילדער שנאה,
האָט זיך בלויז איר הויקער פאַררוקט אַ ביסל אין איין זייט
ווי אַ שאָלעכל אַ וואָלנס און אַ קליינס
און אירע שמאָלע, בלאָע ליפּן
האָבן ערגעץ אַזש פון טיפן ברונעם האַרץ
אָנגענומען פולע עמערס פיעשטשענדיקע ווערטער,
וואָס זיהאָט זיך זיי אוודאי נישט געלערנט ביי דער וויג פון
אירע אייגענע קינדער:
„נו שטיל שוין, שטיל, אָט לייג איך דיר דעם קאָפּ אַביסל העכער,
אפשר וועט דיר גרינגער ווערן סלוזשענקאָ,
נאָר העלפן מוזטו דיר אַליין, מיט דיינע כוחות
ד ו מ ו ז ט...״

אוּן אַז ס׳האָבן האַנקעס אַכציק יאָר זיך אויסגעצויגן צוּ דער רוּ
פוּן טויט,
ווי בײטן צוּ דעם ווינטערריקן שנײ,
איז געוואָרן דוּשנע אין דער דאָרפיש־קלײנער צערקווע
פוּן אַלע לעבט, וואָס מ׳האָט געצינדן איר זכרון:
פאַר יעדן קעפּעלע פוּן קינד, וואָס ס׳האָבן אירע הענט די
ערשטע אָנגערירט —
אַ פלעמעלע אַ געלס מיט ווײסע טראָפּן ווײנענדיק.
אוּן אין דער קלײנער, נידעריקער צערקווע
האָבן זײערע פלאַמען אויסגעמישט מיט אַלע איבעריקע
דרײ לעכט, דרײ יידישע, וואָס ס׳האָט מײן מאַמע אָנגעצוּנדן.

ווען ס׳איז דער עלפטער לעפל צוגעקומען צו דער שיסל
און גראָד אין יענער צייט, ווען ס׳בליט אין פעלד דאָס קאָרן
האָט אַ בייזן קוק געגעבן דער טאַטע אויף דאָס נייגעבוירענע,
וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט ביי דער מאַמעס זייט
(אין וויג האָט זיך געוויגט אַליין, פאַרוויגט אַ כליפּען דאָס
צוויי־יעריקע)
און געוואָרטשעט, ווי אַן אַלטער, בייזער הונט — צום ווייב:
„ביסט ערגער פון משפחה קרוליקעס,
וואָס פלאָדזען זיך און פלאָדזען אָן אַ שיעור,
האָסט אפשר פעלד פאַר אַלע, ווי דעם שופטס מאַרטע?
שטיי אויף און ניי דיר טאָרבאַלעך פאַר זיי".
דער רעגנבויגן פון אַ הויכן שפּיי
האָט דורכגעשניטן שאַרף די גראָע דעמערונג,
און ס׳האָט די טיר אַ קוויטש געטון פון שרעק
אונטער די שווערע הענט פון באַלעבאָס.

און ס׳האָט די שוויגער, וואָס איז צוגעוואַקסן צו דעם אויוון,
ווי ברוינער מאָך צום פייכטן שטאָם פון ביימער,
אַראָפּגעלאָזט אויף דינעם פאָדעם פון דער שנאה
ווערטער, ווי קליינע אכזריותדיקע שפינען, וואָס זויגן אויס
דאָס בלוט:
„חידוש דיך נישט, טאָכטער,
אַ מאַן איז אַ מאַן —
כ׳געדענק, אַז „מיינער" האָט מיך נאָך געשלאָגן מיט אַ רימען,

ווען כ׳האָב געהאַט דאָס ערשטע קינד אַ מיידל
און מיך געוואָלט אַרויסטרייבן פון שטוב
אַ שעה נאָך דעם געבוירן;
און טאַקע, טאַקע, וואָס איז דיר אויסגעקומען גראָד אין דעם
פשעדנאָוועק,
ווען ס׳ענדיקט זיך דאָס לעצטע פערטל בולבעס
און מען מוז שוין גיין אין הויף פאַרדינען?"

און די קינדער, אויף וועלכע ס׳איז דער צאָרן פון זייער פאָטער
געפאַלן, ווי אַ כמאַרנער טאָג אויף סטויגן נישט באַוואָרנט היי
אין פעלד,
האָבן שטיל זיך צוגערוקט צום בעט
און פאַרשעמט געבעטן:
— מאַמע, איך האָב געוואָלט מיר אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט —
איז שוין דער קאַסטן אין דער קאַמער ליידיק —

און יאַשקע וויינט אין ווינקל ביי דער טיר
און גריזשעט זיך די פינגערלעך פאַר הונגער —
— מאַמוניאַ, צ׳הערט?

האָט זי אַוועקגערוקט פון זיך דאָס נייגעבוירענע
און איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער מאָלן קאָרן אויף ברויט,
דאָס לעצטע ביסל אויסגעוואַקסן, דומפּיק תבואה.

עס האָבן אַלע פאַרחידושט געקוקט די קינדער אויף דער מאַמען,
ס׳האָט זיי געוואָלט זיך לאַכן פון איר פאַרקרומטן פנים,

פון די פאַרדרייטע, ציטערדיקע פיס,
אויף וועלכע סיִשאָקלט זיך די מאַמע, ווי אַ שיכּורע, אַהין
אַהער —
און דאָס מילעכל, וואָס עפּנט אויף דאָס מויל,
וויל, דאַכט זיך, עפּעס זאָגן, שרייען אויף אַ קול,
נאָר סיוואַרגט זיך מיט די נישט צעמאָלטע רייד פון פייכטן קאָרן,
און שטרעקט אַרויס אַ ווייסע, לאַנגע צונג פון מעל
צו די הונגעריקע קינדער.

זייט דער צייט, ווען אַנטלאָפן איז פון אים דאָס ווייב
און געלאָזן אים אין וויג דאָס קליינע קינד
(מיט וויפל חוזק ס׳בראָנעוועט איעדער דעם או ער פון זיין לעבן:
„העי, איוואַן, ווו איז דיין ווייב? נישטאָ?“
„וואָס ביזטו פאַר אַ מאַן, פון וועלכן ס׳אַנטלויפט דאָס אייגנע ווייב?“
„ס׳איז איר געפעלן בעסער דער זשאַנדאַר, דער שיכּור?“
שטעלט איוואַן אַליין צום פייער צו דאָס טעפּל קרויט
און נעמט אַרום דאָס גראָע, זגרעבנע העמד פון זיינע טעג
מיט דער רויטער קראַיקע פון דערמאַנונג
אויסגענייט מיט גרויסע שטעך פון די געדאַנקען:
— יונג איז זי געווען און שיין, מיט בריסטן פולע, —
מסתּמא האָט די זאַזולע אינם וואַלד געקוקעט איר אַן אַנדער לעבן,
זאָל איר גאָט אין הימל מוחל זיין די זינד —

און אַז דאָס הונגעריקע וויינען פונם קינד ביינאַכט
רייסט אויף מיט מעסערשאַרפקייט יעדע פרישע נאָט
טרייבט איוואַן צונויף די שעפּסן פון זיין טרויער
אויף דער גרינער פּאַשע פון זיין האַרץ
און לייגנדיק דעם קינד אין אויסגעקרימטן, בלאָען מיילעכל
זיין גראָבן, שוואַרצן פינגער,
שפּאַלט ער די פינצטערניש אויף הונדערט בלוטיקע חלקים
מיט זיין הייזעריקן קול:

און ווערטער פֿאַלן ווי די טרערן אויף דעם קליינעם קעפּאַלע
פֿון קינד:

„אָ, מען קען דעם גליק נישט טרויען,
ווי די שטערן אויף אַ חשוונדיקן הימל.
וואָס וואַראָזשען אויף אַ שיינעם מאָרגן
און ברענגען דאָך אַ סלאָטנעם, גראָען טאָג,
שלאָפֿזשע, טייבאַלע, אַ־אַ־אַ“.

איז אַהיימגעקומען פון דער שטאָט די טאָכטער
און די צוועלף חדשים דינען אין דער פרעמד
זענען איינגעבונדענע געלעגן אין אַ טלומעקל אַ קליינעם:
אַ קלייד, אַ שאַל, און נייע, ווייכע שיך.

ס׳האָט איר קאָפּ אַן אָפּגעווינטער פון דער נידעריקער טיר,
אַ האַרטן קלונג געטון מיטן שאַרבנביין אין באַלקן
און ס׳האָט אַ וואָרטש געטון די אָרעמקייט פון שטוב
צו אירע צוויי געזונטע, רויטע הענט
מיט דער בייזקייט פון אַ הונגעריקן הונט.

ס׳האָבן שוועסטערלעך געגלעט די בלומען פון דער נייער שאַל
און די ברידער מיט די פינגערלעך באַטאַפּט דאָס ווייכע לעדער
פון די שיך.
נאָר דער מאַמעס שטרענגער בליק האָט אַלץ באַקוקט דעם
שאַרף אויף איר,
ביז ער האָט דערזען זיך עפּעס הייבן,
ווי אַ בערגל קרעטאָווינע אינם גאָרטן.

האָט זי אַריינגערופן פון דער שטאַל דעם מאַן
און ברעכנדיק דעם טרוקענעם כרוסט פון ווערטער
געצינדן סיפּייער פון דעם פאָטערס צאָרן:
„אַז מען וועט אַראָפּנעמען די אַלטע וויג פון בוידעם
וועלן מענטשן לאַכן פון אונדזערע גראָע האָר

און סיוועלן שטעכן זייערע רייד,
ווי באָדיאַקעס דאָס נאַקעטיקע לייב;
פון ווען אָן איז ביי וואַסיל דעם כאַלופניק ברויט צו זעט פאַראַן?

ס׳האָט דער פאָטער דורך דעם גאַנצן הויף געקוילערט
דעם דונער פון זיין צוגעדושעט-ציטערדיקן קול,
ביז די טאָכטער איז געבליבן שטיין פאַר אים,
ווי אַ בליצצעשפּאָלטענער אַפּלבוים אין סאָד.
און ס׳האָט דער רימען צוגעפייפט צו יעדן וואָרט,
אַ סימן, אַז ס׳איז נאָך נישט הפקרדיק די גאַנצע וועלט —
און אַ פאָטער איז אַ פאָטער:
„כ׳האָב נאָך זיבן קליינע קינדער אין דער שטוב
און דאָס ברויט ביי מיר איז ביטער פון דער וויקע,
קומט מיר אויס, אַז כ׳זאָל נאָך אויף דער עלטער האָדעווען און וויגן
פרעמדע בענקאַרטעס פון שטאָט?“

האָט די טאָכטער איינגעגניורעט אין די אַקסלען איר פאַרשעמטן קאָפּ
און די אויגן האָבן בעטנדיק געלעקט דעם פאָטערס הענט,
ווי אַ צויג, בשעת מען נעמט צום טרענקען אירע קליינע,
און נאָך די פלייצע האָט זיך אויפגעשטעלט אַנטקעגן די שאַרפע ביס פון דער שוואַרצער שלאַנג,
ווי אַ דאַך אַנטקעגן שטרוימענדיקן רעגן:
— אפשר וועט דער גראָבער רימען מאַכן שלום? —

שוין פיר און צוואָנציק יאָר זייט יענער נאַכט,
ווען ס׳האָט צעשפּאָלטן זיך איר קערפּער ווי אַ קאַשטאַן־פּרוכט
און די לאָמע האַנקע האָט מיט אַ פאַרזשאַווערטער, אַלטער שער
אָפּגעשניטן פון איר לייב דעם זון — די הילף אויף אירע אַלטע
טעג,
און אַלץ נאָך מוז זי אויסוואַשן אַליין אַ העמד און אַרבעטן אין
גאָרטן און אין שטאַל
און צאָלן רייכע שכנים מיט די טעג פון אַרבעט
פאַר זייערע פערד, וואָס העלפן פירן ס׳מיסט און אַקערן דאָס
שטיקל פעלד.
און אַז עס קומט דער פרילינג מוז מען צוקויפן צום זעצן בולבעס.
עס וואַרט די צוגערוימטע קאַמער אויף דעם אויסגעמאָלטן
קאַסטן פון אַ שנור
און ס׳וואַרט דער הונגער פון פּשעדנאָוועק אויף דער הילף
פון אירע מאָרגעס פעלד.

עס ליגט דעם זונס פאַרעקשנט שווייגן, ווי אַ ריגל אויף דער
מאַמעס מויל,
און אירע יאָרן גייען אָן אַ הילף פון טעכטער־הענט אַראָפּ,
ווי שווערע שטיינער אויף דעם דנאָ פון אַלטקייט.
נאָר ווען עס מאַכט די ווינטערנאַכט געדיכטער היימישע
פאַרטרויטקייט,
עס זיצט דער זון ביים אויוון און שניצט פון ווייסן האָלץ
גראַבליעס, וואָס שטשירען זייערע ציין צום חלום פונם ערשטן היי.

און דער מאַמעס שפּינדל זשומעט ווי אַ בין אין זומער,
טאַיען אויף די קנייטשן אויף איר פּנים,
ווי די געפּרווירענע גרודעס פּרילינגסצייט:
„עס איז דער פאָדעם גראָב און לויז צונויפגעדרייט מיט אַלטע
הענט
און מיינע אויגן זענען רויט פון זיצן וואָך דורך לאַנגע ווינטערנעכט,
שוין צייט מיין זון, אַז ס׳זאָלן שפּינען יינגערע פון מיר —
דו ביסט דאָך ווי אַ טאָפּאָל הויך און ס׳ברענט ביי דיר די
אַרבעט אין די הענט
נישט איינע קוקט זיך אויס די אויגן נאָך מיין זון“.

און פּלוצים, ווי פון ערד דער וואָרעם נאָך אַ רעגן
קריכט אַרויס פון מוח דער פון לאַנג געדושעטער געדאַנק,
דער געדאַנק, וואָס האָט געפּאַשעט דורך די ביטער־לאַנגע יאָרן
די הונגעריקע אויגן מיטן פעלד פון יענער זייט פון פּלויט:
„עס גרענעצט מאַגדאַס פעלד מיט אונדזער גאָרטן,
אַיעדע סקיבע גלאַנצט מיט פעטיקייט, ווי אייל
און ס׳איז איר הויז דאָס שענסטע אינם דאָרף
און מיט אַ דאָך פון בלעך,
און זי אַליין איז נאָך נישט אַלט אפילו,
צוויי באַקן ווי די רויזן און הענט צו אַרבעט רירעוודיקע, סקאָרע
און כ׳האָב געזען אַליין מיט מיינע אויגן,
ווי זי שמייכלט פון דער שוועל צו דיר“.
עס גיבן בייז אַ קלאַפּ צוויי מענערישע שטיוול אין דער
האַרטער ערד
גלייך זיי וואָלטן צוגעדריקט די אָסע.

וואָס האָט אַ ביס געטון דאָס האַרץ מיט שאַרפן שטעכל
און ווערטער שפּרינגען אויף דער אַלטערס פּלייצע, הענט און
קאָפּ.
ווי אַרבעס טרוקענער בשעתן דרעשן:
„עס קען די מאַמע זיך משדך זיין אַליין
מיט דער פּאָנפּעוואַטע גבירטע, דער אַלמנה —
זאָל איך אויף מיינע פיר און צוואַנציק יאָר, ווי פּיסאַנקעס
געמאָלענע
גיין אָנטון אַלטע אָנוטשעס פון יענעמס פיס?
און אויב שוין יאָ גערעדט, טאָ זאָג איך אויך מיין וואָרט,
דאָס וואָרט פון מאַן, וואָס ברענגט אַהיים דעם גאַנצן וואָכנשכר,
ס׳עט קומען אין דער שטוב דעם אַלטן יאָרקעס טאָכטערן“

עס רייסט זיך פּלוצים אָפּ פון קוטשעראַווע קאָנדזיעל־קאָפּ
דער פּאָדעם, ווי אַ נישט דערטראַכטער, טרויעריקער געדאַנק,
סע גייט די אַלטע אין דער פינצטערער שטאַל,
נעמט אַרום דעם ווייך געקאַרבטן האַלדז פון דער זאַזולע
און וויינט זיך אויס פאַר איר דאָס אָפּגענאַרטע, שווערע מאַמע־
האַרץ —
זאַזולע שטייט אין וואַרעם־ווייכער פּאַרע פון דעם מיסט
און האָרכט זיך איין אין פרעמדן צער מיט אייגנער מילעכפולער
זאַטקייט —
נאָר ס׳הייבן זיך און צוקן טיילמאָל אירע ברייטע אויערן
און שאָקלען אָפּ פון זיך די ווייסע ראָסע־טרערן,
וואָס קיצלען איר די הויט, ווי זומערצייט די פליגן.

עס האָט זיך דורכגעקעמט דער סאָד זיין גרינעם, פולן קאָפּ
אויף העלפטן צוויי,
מיט אַ שרינט אינמיטן פון אַ געלער, שמאָלער סטעזשקע.
טאָג-טעגלעך גלעטן אויס דעם שרינט
רויטע, געלע, שוואַרצע קאַמען פון נישט געציילטע פיס —

ס׳איז דאָך פון מאָטיעס שטוב צו סענדערס טיר
נישט מער ווי פערציק, פופציק שריט.
עס קומען מאָטיעס געננז אויף סענדערס פּאַדווירע,
און סענדערס האָן לויפט אונטער ביז אין מאָטיעס הויז
און קלויבט זיך אויס די שענסטע, די טשובאַטע הון.
און טיילמאָל אין אַן אָוונט נאָך דער אַרבעט
קומען זיך צונויף די באַלעבאַטים
און באַזעצן די שוועל פון הויז ווי שוואַרצע מאָראַווליעס.
עס מאַכן פול די לופט מיט זייערע האַרטע פליגל
די שווערע כראַבאָנשטשעס פון ווערטער:
„מען קאָסעט שוין דעם צווייטן קלעע
און ס׳איז נאָך נישט באַנייט פון סטאָדאָלע דער דאַך“
„דאַכט זיך, אַז כ׳האָב געזען פון אייך אַרויסגיין זאַוול שדכן?“
„ווער האָרכט דען היינט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען?“
„שווערע צייטן — און די בולבעס פוילן אינם פעלד,
ס׳עט זיין אַ ביטער יאָר“.

נאָר ווען ס׳האָט אויסגעקריצט זיין זשאַווערדיקע וואָרעניש דעו־
ריגל

צו פרעמדע, נישט געבעטענע שריט
הערט זיך בלויז דאָס טאָפּטשען פון די הינט,
וואָס וויקלען מיט אַ קראַנק פון וואַכעדיקע שריט
די שפּאַלטן פון הויז, פון סטאַדאַלע און שטאַל.

עס טרינקען אויס די אָפענע ליפּן פון דער פינצטערקייט
אַלע ווייסע סטעזשקעס
און ס׳איז דער סאָד באַנאַכט, ווי טונקלער, אַלטער וואַלד,
בלויז די שלעפּעריקע עפּל פאַלן צו דער ערד, ווי שטערן
און שניידן אויס פאַר אויערן אָפענע דעם וועג.

...און סענדערס זון היט נאַכט ביי נאַכט דאָס אויבס אין טונקלעם סאָד...

גיט אין מאָטיעס הויז אַ זיפץ אַ שטיל געעפנט פענצטער
און ביים בלאַסן ליכט פון דער לבנה
צינדט זיך אָן דער לייכטער פון אַ בלאָנדן מיידלקאָפּ
און ס׳צעשיטן זיך די פּאַציערקעס פון שריט אין גרינעם, ווייכן גראָז —
לויפט זיי נאָך און סיקלויבט זיי אַ פאַרשלאָפן טרויריק מאַמע־קול:
„באַנטשע, וווזשע ביסטו — — — באַנטשע, רוף דיך אָן!...“

די פיס, צוויי לאַנגע, אויסגעדרייטע וואָרצלען,
עפּענען זיך פון די קני אַראָפּ אין דרייעק
און סיפּילט זיך אויס זיין ליידיקייט מיט שטויב און בלאָטע
פון היימישע וועגן.
עס זענען קיינמאָל נישט פאַרלאַטעט די צוויי שוואַרצע לעכער
אויף די זגרעבנע הויזן
אויסגעריבענע פון קניען ביי אַיעדן בילד אויף ראַנדן פון די וועגן,
און סיציט צונויף אַ רייף פון גראָבן שטריק ס׳צעלעכצטע פאַס
פון זיינע היפטן.
און אַז מען פרעגט ביי אים, צי ס׳איז אַ סגולה,
הלמאי ער פלעכט דעם שטריק אַרום די היפטן איינס ביי איינס,
פאַרלייגט ער אָן אַ זייט זיין קיילעכדיקן אַרבוזקאָפּ
און ענטפערט מיט פאַרגלייזטע אויגן:
„זאָל מיר מוחל זיין אין הימל גאָט, די זון די הייליקע
און איר, באַלעבאָס,
נאָר כ׳גלייב שוין קיינעם נישט,
אפילו קיין געפּגרטע בהמה.“
און שאַרצט אַרויף דעם אַרבל פון זיין האַנט
און טוט אַ וויַז צווישן געפלעכט פון גראָבע אָדערן
עפּעס בלוין און בלויס
און דערציילט:
ווי ס׳האָט זיך פלוצים אַ האַלב-אָפּגעשינדן פערד
אַ ריס געטון מיטן לעצטן, ווילדן כח פון אונטער זיינע קני
און מיט די געלע ציין, וואָס האָבן זיך אַנטבלויזט, ווי צו געלעכטער

איינגעביסן אין זיין האַנט,
מיט וועלכער ר׳האָט געשוונדן שטיל, געשוונדן שטיל
מיט אַ קניפּיקל אַ קליינטשיקס און אַ שנאַפּס.
,,ווער האָט געקאָנט זיך ריכטן גאָר אויף דעם
דערצו פון אַ בהמה,
וואָס ווייסט, אַז כ׳טו קיין שלעכטס נישט קיינעם,
אפילו אָט, אַזאַ אַ פּיצל קינד,
נאָר ס׳מוז איעדער שווער און ביטער אַרבעטן
אויף אַ שטיקל האַרט און אָרעם ברויט" —
איצט טראָגט ער שוין דעם שטריק ביי זיך און דושעט פריער אַלע,
די האַלב געפּגרטע און די פון לאַנג שוין טויטע,
און זאָל עס מוחל זיין אין הימל גאָט, די זון די הייליקע
און דער באַלעבאָס אַליין,
ער גלייבט שוין קיינעם נישט, אפילו קיין געפּגרטע בהמה.

זינט דרייסיק יאָר קומט שוין איוואַשיע שינדער אין די זעלבע שטיבער
און תמיד בלייבט ער שטיין פאַרשעמט אין ווינקל ביי דער שוועל,
גלייך ס׳וואָלט געווען אַלץ דאָס ערשטע מאָל,
ביז ס׳קומט די גויע פון דער קאַמער מיט דער מילך פאַר אים,
דאַן גיבן זיך אַ דריי די טעלערלעך פון אויגן
מיט זייער וויסער, בעטלערישער דנאָ אַרויף,
און ס׳פּאַטשן זיינע הענט פאַר שמחה:
,,אָט, טאָ, טאָ, טאָ,
באָה זאַפּלאַטי זאַ בידנו סיראָטו,

גאָט זאָל געזונט אייך געבן טייערע באַלעבאָסטע,
דעם מאַן, די קינדערלעך און דער כודאָביצע אין שטאַל,
און זאָל ער טיילמאָל אויך אָן מיר געדענקען,
דעם יתומל פאַרלאָזטן — דעם יתומל.״
און ווישט זיך מיטן קויטיק־פּעטן קאַפּטאַן־אָרבל די טרוקענע
אויגן

ס׳איז דער טויט כמעט צוגלייך געקומען
צו די זעכציק אויסגעדראָשענע סנאָפּעס פון מאַקסים סאַוויצקיס יאָרן
און צו דעם פּעטן, געלן הינדל
וואָס האָט זיך אויפגעהערט צו לייגן זייט אַ לאַנגער צייט.

און אַז עס האָט שוין נישט געקענט מער אָפּשפּרעכן דאָס בייז
די אַלטע יאַקימיכע
מיט קוילן, קרייטעכצער און מיט געשווענצלט וואַסער
האָט זי אַ זאָג געטון מאַקסימען שוועסטערלעך און טריי:
„אוי קומע, קומע, ס׳איז שוין דער טויט נישט ווייט פון אייך,
עס זענען אָנגעשוואָלן מיט זיין נאָענטקייט די פיס
און ס׳וואַיעט שוין די דריטע נאַכט דער הונט לעם אייער טיר,
נאָר פּרווון מוז מען נאָך דאָס לעצטע מיטל,
דאָס יאַכל פון אַ יונגער, פעטער הון“.

דורך דעם שלעכט באַנייטן, קרומען דאַך פון מאַקסימס לעבן
האָט אריינגערעגנט דער טרויעריקער ניגון פון די ווערטער.
און מאַקסים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ
און געענטפערט האָט ער שטיל, בשלווה,
מיט ווערטער, וואָס שמעקן מיט זונטיק און געקאָסעט היי:
„וואָס קען דען קומען צו אַ טשערעפּ, צו אַן אַלטן,
ביי וועלכן עס אַנטלויפט פון האַנט אַרויס די קאָסע

און סע שניידט דער פּלוג ביי אים זיין אייגנעם, קרומען וועג,
אז נישט דער טויט?“

נאָכדעם, ווי ס׳האָט דער גלח מיטן בוימאייל פון פארגעבונג
אָנגעאיילט צום לעצטן מאָל די סקריפּנדיקע שפּריכעס פון זיין
לעבן,
האָט מאַקסים געלאָזט אריינרופן די קינדער פון דער ארבעט
און האָט מיט יעדן וואָרט געריסן לעבעדיקע פּאַסעס פון זיין
לייב:
„דיר, פעדקע, גיב איך ס׳פעלד הינטערן וואלד,
היי־יאָר וואָלטן בולבעס גוט אויף אים געראָטן,
דיר, איוואן, א האלבע שטוב, די לאָנקע און דעם פּאַס פון זיבן
בייטן,
האנקען דעם קלין אין דער זאַקוטיע,
וואָס כ׳האָב פאראיאָרן אָפּגעקויפט פון שוואב,
און דיר, זאכארקע, די צווייטע העלפט פון שטוב
די שטאל, די קי, דעם גאנצן גאָרטן
און האלטן וועסטו ביז איר טויט ביי זיך די מאמע דיינע.“

איז דאָס ווייב, וואָס האָט צעבלאָזן ס׳פייער אויפן קוימען,
אויף אָפּצוקאָכן ס׳יאכל פון דעם געלן הינדל
צוגעפאלן מיטן קאָפּ צום בעט:
„ביי וועמען לאָזטו מיך, מיך אָרעמע יתומה?
נישט קיין קי, נישט קיין מאן און נישט קיין שטיקל פעלד —
כ׳האָב דאָך געארבעט שווער און ביטער מיינע אלע יאָרן
און איצט וועל איך א פרעמדע זיין אין אייגענער שטוב

און ס׳וועט אַ שנור פּאַרשלײסן אינם קאַסטן
דאָס ברויט פאַר מיר״.

און מאַקסים האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן ס׳ייאַכל,
עס האָבן זײַנע אויגן אויף אַלץ אַרום געקוקט מיט גלאָז פון טויט,
ביז ס׳האָט זיי צוגעמאַכט די רעכטע האַנט פון זײַן עלטסטן זון.

ווער האָט דען געציילט יאַנקלס טעג,
ווער האָט זיי באַדאַרפֿט?
ס׳האָט דאָס ווייב זיי אָפּגעבינדן פֿון איר לעבן,
ווי אַלטע צעריסענע זעק
און ס׳האָבן די קינדער צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט,
ווי צו די ליידיק אויסגעדראָשענע זאַנגען,
וואָס גיבן נישט מער קיין ברויט.

נאָר ס׳האָט זיך געוואַרעמט ביים ליכט פֿון פֿרעמדן עשירות
יאַנקלס נאַכט —
אין שאָטן פֿון זיינע פֿאַרדונגענע נעכט
זענען געלעגן קופּעס מיט געל-רויטן אויבס
און סטערטעס מיט פֿרישן ווייץ
און יאַנקלס אויגן אָנגעלאָדענע מיט שרויט פֿון וואַכזאַמקייט
האָבן, ווי צוויי לופּעס פֿון אַ ביקס, די פֿינצטערניש געלעכערט
און ביי דעם מינדסטן שאָרך פֿון שטרוי, פֿון וויאַנעדיקן גראָז
האָט אויפֿגעבילט סיבלות פֿון לייב און מאַרך מיט אומרו:
אפשר איז׳ס אַ גנב?
אָדער אפשר דער פּריץ אַליין,
וואָס וואַקסט אויס אומגעריכט אין טונקלע, אָנלבנהדיקע נעכט
אָט אין וואַלד, אָט אין סאָד, אָט אין שטאַל?...

עס זענען פֿון זיין שטרויענער בודע אינם סאָד
די אויסגעשפּיצטע חושים, ווי הינט ביי דריערד געלאָפֿן

נאָכן ניאָך פֿון פֿרעמדע שריט,

און טײַלמאָל האָט זיך אויסגעצאָלט דאָס וואָרטן:
„העי, ווער איז דאָרט, ווער?"
עס האָבן די דערשטראָקנע, טרוקנע זאַנגען
אַ שאַר געטון דעם שטויב פֿון אונטער פֿיס
און ס'איז אַ סנאָפּ געפֿאַלן צו דער ערד
און בלאָע ליפּן פֿון אַ גויע האָבן זיך עקשנותדיק פֿאַרמאַכט,
ווי אַ קניפּיקל אַ שאַרפּס
אַרום דעם סוד:
אַז ס'הונגערט אין דער היים אַ קופּע קינדער
און ס'איז נישטאָ קיין מאַנסבילישע האַנט,
וואָס זאָל מיט די בלאָע שטריק פֿון אָדערן
די נויט דערוואַרגן.
און טײַלמאָל האָט דאָס ווילדע כליפּען פֿון אַ שייגעצל
געדראַפּעט אין דער טיר פֿון האַרץ,
ווי אַ פֿאַרמאַכטע קאַץ:
„איך וועל שוין קיינמאָל נישט — איך וועל נישט,
נאָר גיב מיר אָפּ מײַן — היטל
ס'עט מיך דער טאַטע קאַטעווען,
אַז כ'על צוריקקומען מיט בלויזן קאָפּ אַהיים".
און שלעפּנדיק פֿון פֿאַזוכע אַ לײַב־צעוואָרעמטן און רויטן אַפּל
האָט ער אויפֿגעמאַכט דאָס העמדל אויף דעם פּלייצעביסענעם
האַרץ,

ווי אַ ליידיק, אָרעם בייטעלע:
„אָט באַזוך, בי־המע, אַז כ'האָב נישט מער".

נאָך ס'האָבן יאנקלס האַרץ פאַרמאַכט
די זאַוויסעס פון צוואָנציק גילדן שמירהגעלט אַ חודש,
און אויף צומאָרגנס האָט דער פריץ
געוואָרפן צו דער ערד דעם דורכגעשוויצטן יאַקער פון דער גויע
און געזייעט דורך די לעכער פון דעם אַלטן היטל
דעם קיילעכדיקן, הארטן ארבעס פון די ווערטער:
„בלויז לאַכעס אויף די לייבער,
נישטאָ אפילו וואָס ביי זיי צו נעמען,
אז שיסן זאָל מען ווי די הינט גנבים פון מיין אויבס און תבואה"
עס האָבן אויפגעכאַפּט די מאָרגנדיקע זון דעם פריצס אויסגע-
פוצטע שטיוול
און זי אוועקגעטראָגן ערגעץ אין אַ צווייטן, דריטן צימער.

האָט יאנקל גיך, מיט ציטערנדיקע הענט
אויפגעהויבן פון דער ערד די לאַכעס,
באהאלטן אונטער זיין פארלאטעט, אָפּגעקראָכן רעקל
און מיט די שמאָלע אוליטשקעס און סעדער,
אז קיינער זאָל נישט זען,
איז ער געגאנגען צו די ליימענע און קליינע שטיבלעך
אונטערוואָרפן ס'היטל מיטן יאַקער.

# א י נ ה אַ ל ט

דער לעצטער פרילינג 9
דײן נאָמען 10
דיר 11
דיר 12
ס׳בליען מײנע ליפן 13
מײן האַרץ לויפט צו דיר 14
ס׳גײט די בענקשאַפט 15
יאָרן פון אַ פרוי 16
די 31 קעמלען 17
אַ הויז אין שטאָט 18
קראַנקע קינדער 19
שטיקערײען 20
שוועסטער 21
קלאָגליד פון יונגע מאַמעס 23
אַ פערציקיעריקע פרוי 25
מײ 27
די אַלטע מאַמע 28
דער וועג 33
דער שבת אין מײן הײם 34
פרימאָרגן אין דאָרף 35
רעגן 37
חשוון 38
ווינטער 39
לײווע 41
דער דאָרפסמאַן 44
בערלס קי 46
נאָכן מאַרק 47
שליאַדעס אין שנײ 49
די אַלטע האַנקע 51
דער עלפטער לעפל 54
איוואַנס ליד 57
די טאָכטער 59
דער מאַמעס טרײסט 61
שכנות 64
איוואָשיע דער שינדער 66
מאַקסימס טויט 69
דער היטער 72